**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט שלוס פון 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' אויסהערן טור**

***מער פון 1,000 ניו יארקער האבן זיך באטייליגט פערזענליך און דורך די אינטערנעט ביי אויפקלערנדע פרעזענטאציעס אריבער די סטעיט***

***נאך געלעגנהייטן צו לאזן קאמענטארן איבער באַנד געזעץ איינפירונג זעצן פאר, ארייננרעכענענדיג [אריינגעבן פראיעקט געדאנקען] און לאזן קאמענטארן איבער פינאנצירונג אנווייזונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די שלוס פון די ערפאלגרייכע אויפקלערנדע 'אויסהערן טור' מיט 10 סטאנציעס פאר דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act) און האט געמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו בלייבן פארמישט אין די איינפירונג פון די היסטארישע פינאנצירונג געלעגנהייט. די אויפקלערנדע אויסהערן טור איז בלויז איין חלק פון די סטעיט'ס פארפליכטונג צו א צוזאמענארבעטנדע און אפענע פראצעדור ביים פארטיילן די געלטער פון דעם באַנד געזעץ. די סעסיעס האבן געגעבן א געלעגנהייט פאר די פובליק און פאר קערפערשאפטן וועלכע וועלן מעגליך ווילן אפּלייען פאר פינאנצירונג צו געוואויר ווערן מער איבער דעם באַנד געזעץ און צו אנהויבן דיסקוטירן איבער די אנווייזונגען ווערנדיג אנטוויקלט צו טרעפן פאטענציאלע פראיעקטן. די קומענדיגע שטאפל פון די אריינמישונג פון די פובליק איז שוין אונטערוועגס, מיט פראיעקט געדאנקען ווערנדיג אויסגעהערט כדי צו פארשטיין די אינטערעסן און באדערפענישן פון קאמיוניטיס – באזונדערס די וועלכע זענען די מערסטע אויסגעשטעלט צו פארפעסטיגונג און קלימאט השפעות – און אנגייענדע געלעגנהייטן פאר די פובליק צו איבערלאזן קאמענטארן איבער די אנווייזונגען פאר עקזיסטירנדע אדער נייע פראגראמען צו באקומען פינאנצירונג.

"איך באדאנק די ניו יארקער וועלכע זענען ארויסגעקומען צו לערנען מער איבער די פינאנצירונג געלעגנהייט וואס קומט אמאל אין א דור וואס וועט העלפן טראנספארמירן און באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פון די ענווייראמענטאלע, עקאנאמישע און פובליק זיכערהייט שוועריגקייטן וואס ווערן פאראורזאכט דורך קלימאט טויש", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער סטעיט איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז די איניציאטיוו בלייבט אויף א וועג וואס ארבעט צוזאמען מיט מענטשן און אפן כדי מיר זאלן קענען צופאסן פראגראמען צו ערפאלגרייך ברענגען די נויטיגע מיטלען פאר אונזער רעגירונג און פאר קאמיוניטי-באזירטע שותפים."

די אויפקלערנדע 'אויסהערן טור' האט אריינגעמישט פארמישטע קערפערשאפטן און אנדערע פאראינטערעסירטע ניו יארקער דורכאויס אכט אויסהערן סעסיעס פנים אל פנים און צוויי ווירטואלע סעסיעס דורכן גיבן געלעגנהייטן פאר צו לערנען איבער די סארטן פראיעקטן וועלכע קענען באקומען שטיצע דורך דעם באַנד געזעץ, די פינאנצירונג וואס איז דא צו באקומען פאר יעדע קאטעגאריע,

אינפארמאציע איבער דאס גיבן פריאריטעט פאר בענעפיטן פאר שוואכערע קאמיוניטיס און דאס אהערשטעלן בארעכטיגונג אנווייזונגען אלס די קומענדיגע טריט אין דעם איינפירונג פראצעדור.

פארשטייער פון לאקאלע רעגירונגען, ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און אנדערע קאמיוניטי שתדלנות ארגאניזאציעס, עקאנאמישע אנטוויקלונג פארשטייער און איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען און אנדערע קלימאט ווירקונגען זענען געווען צווישן מער פון 1,000 באטייליגטע וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט קאמישאנערס און אנדערע סטעיט אגענטור פירער ביי די פרעזענטאציעס און געלעגנהייטן צו אויסהערן און פרעגן פראגן און לאזן הערן זארגן. אגענטורן וועלכע האבן זיך באטייליגט אין די סעסיעס רעכענען אריין די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation), אפיס פון סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of State Parks, Recreation and Historic Preservation), ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority), ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation), אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services), האוזינג ענד קאמיוניטי רינוּעל/'שטאנדהאפטיגע היימער און קאמיוניטיס' (Resilient Homes and Communities), עדיראַנדעק פארק אגענטור, טראנספארטאציע דעפארטמענט, דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס און די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק און סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק, צווישן אנדערע.

די סטעיט האט אויך געמאכט אן אינטערנעט-באזירטע סורוועי – https://bit.ly/BondActSurvey – צו אפנעמען פאטענציאלע פראיעקט געדאנקען פון פאטענציאלע אפליקאנטן און פאראינטערעסירטע פארטייען. הונדערטע געדאנקען זענען אפגענומען געווארן ביז היינט, און די סורוועי וועט בלייבן אפן צום וויניגסטנס ביז סעפטעמבער 15, 2023. די סורוועי איז נישט א פארמאלע פינאנצירונג אפליקאציע, נאר אנשטאט דעם העלפט דאס לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און אנדערע ניו יארקער צו מיטטיילן פאטענציאלע פראיעקטן און געדאנקען איבער די סטעיט'ס עקזיסטירנדע פינאנצירונג מעכאניזמס צו העלפן צוריקהערן פון מענטשן איבער די סארטן פראיעקטן וואס קאמיוניטיס ווילן מעגליך אז זיי זאלן געשטיצט ווערן מיט באָנד געזעץ מיטלען.

מיט איבערוויגנדע באשטעטיגונג דורך ווילער לעצטע הערבסט, איז דער 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' די גרעסטע ענווייראמענטאלע באנד אין סטעיט היסטאריע און די ערשטע אין ניו יארק זינט 1996. דער באָנד געזעץ שטעלט צו 4.2 ביליאן דאלער פאר ענווייראמענטאלע און קאמיוניטי פראיעקטן וואס שטיצן אויך דאס שאפן נייע דזשאבס און באדייטנדע אינוועסטירונג אין די 'ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו' וואס וועט דינען איבער 1,000 פובליק סקולס מיט א מאנגל אין מיטלען. אנערקענענדיג אז עמפינדליכע באפעלקערונגען ווערן שטערקער אפעקטירט דורך נעגאטיווע ענווייראמענטאלע און קלימאט טויש ווירקונגען, וועט 35 פראצענט – מיט א ציל פון 40 פראצענט – פון באָנד געזעץ בענעפיטן גיין צו פארקוקטע קאמיוניטיס.

נעמליך, אויטאריזירט דער ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ:

- 1.5 ביליאן דאלאר פאר קלימאט טויש פארמינערנג;
- 1.1 ביליאן דאלאר פאר צוריקשטעלונג און פארפלייצונג ריזיקע פארמיידונג;
- 650 מיליאן דאלער פאר וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ווידערשטאנדספעאיגע אינפראסטרוקטור;
- 650 מיליאן דאלער פאר אפענע ספעיס לאנד קאנזערוואציע און פארוויילונג; און
- 300 מיליאן דאלאר פאר אנדערע פראיעקטן וועלכע זענען נישט אויסדרוקליך אויסגערעכנט אינעם געזעץ.

סטעיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און אנדערע פארמישטע פארטייען וועלן קענען האבן צוטריט צו געלטער פון דעם באַנד געזעץ אין לויף פון א פראצעדור וואס וועט זיין אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר. אן אינטער-אגענטור ווארקינג גרופע זוכט יעצט נאך געברויכן פאר ענווייראנמענטאלע פאנדינג דורכאויס די סטעיט און אנטוויקלט לאגיסטיקס פאר באנד אקט איינפירונג. אלע פארגעשלאגענע בארעכטיגונג אנווייזונגען ווערן פארעפנטליכט פאר א תקופה פאר די פובליק צו לאזן קאמענטארן, ווי אנגעמערקט אין די יעצטיגע געלעגנהייט וואס איז צו באקומען [צו שיקן צום ווייניגסטנס 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס און אינפראסטרוקטור](https://).

נאכפאלגנדיג די פובליק קאמענטארן תקופה פאר די ערשטיגע בארעכטיגונג אנווייזונגען פאר וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז די ערשטע רונדע פון באַנד געזעץ געלטער זענען דא צו באקומען פריער דעם זומער, מיט 200 מיליאן דאלאר אריינגערעכנט מיט אנדערע סטעיט וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג פאר א סך הכל פון 425 מיליאן דאלאר. די אפליקאציע טערמין האט זיך געשלאסן פריער דעם חודש, נאך א צוויי-וואכיגע פארלענגערונג צו ערלויבן מער קאמיוניטיס וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען אין יולי צו אפּלייען. אפליקאציעס ווערן יעצט איבערגעקוקט, אבער אנדערע באַנד געזעץ פראגראמען און פינאנצירונג געלעגנהייטן וועלן פארזעצן צו זיין צו באקומען, ווי אויך אנגייענדע געלעגנהייטן פאר סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג וואס ווערט געאפפערט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם.

ניו יארקער וועלכע זענען אינטערעסירט צו לערנען מער איבער דעם באַנד געזעץ קענען טרעפן אלגעמיינע אינפארמאציע איבער די 4.2 ביליאן דאלארדיגע היסטארישע אינציאטיוו אויף די באַנד געזעץ וועבזייטל אויף [www.ny.gov/BondAct](http://www.ny.gov/BondAct). די וועבזייטל האט אויך רעקארדירונגען פון די צוויי ווירטועלע באגעגענישן, אלגעמיינע אינפארמאציע איבער עקזיסטירנדע סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג פראגראמען וועלכע ערגענצן די באַנד געזעץ ציהלן און קענען העלפן אויסנוצן באַנד געזעץ געלטער כדי צו ארויסבאקומען נאך, און א לינק צו די פראיעקט געדאנקען סורוועי, צווישן אנדערע אינפארמאציע. די וועבזייטל וועט פארזעצן צו דערפרישט ווערן און אינטערעסירטע מענטשן קענען אויך אויסוועלן צו באקומען אימעילס מיט נייעס דורכן שיקן אן אימעיל צו [BondAct@dec.ny.gov](mailto:BondAct@dec.ny.gov).

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די אויסהערן טור איז געווען אן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט זיך צו פארבינדן מיט הונדערטער ניו יארקער אריבער די סטעיט און זיי נישט נאר ערקלערן איבער דעם באַנד געזעץ'ס ספעציפישע אויפגאבע נאר אויסהערן וויאזוי זיי משל'ן זיך אויס דאס ברענגען די באַנד געזעץ מיטלען צו ווערן א מציאות אין זייערע קאמיוניטיס. איך מוטיג אלע פארמישטע קערפערשאפטן צו פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט די DEC און אונזערע שותפים אזוי ווי מיר אנטוויקלען די יסוד פאר דעם באַנד געזעץ צו שטיצן לאנג-בלייבנדע פראיעקטן וועלכע וועלן בענעפיטירן אונזער סטעיט פאר דורות לאנג."

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "די באַנד געזעץ אויסהערן טור איז געווען א קלאר-מאכנדע טשאנס צו הערן פון לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי שותפים און מענטשן פון אריבער ניו יארק איבער די ענווייראמענטאלע פראיעקטן וואס זייערע קאמיוניטיס דארפן די מערסטע. איך קוק ארויס צו פארזעצן די דיסקוסיעס אזוי ווי מיר הויבן אן ארויסקומען מיט פראיעקטן צו שאפן א געזונטערע סביבה, ווייטערע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, אדרעסירן קלימאט טויש און פארברייטערן צוטריט צו דרויסנדיגע פארוויילונג."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג אז באשלוסן איבער וויאזוי ניו יארק סטעיט וועט אינוועסטירן די

היסטארישע באַנד געזעץ פינאנצירונג זאל זיך רעכענען מיט די געדאנקען, קאמענטארן און ערפארונגען פון אלע ניו יארקער. די אויפקלערנדע אויסהערן טור גיבט א וועג צו זיכער מאכן אז קאמיוניטיס, באזונדערס אזעלכע וועלכע זענען אין די פארגאנגענהייט פארקוקט געווארן, זענען באקאנט מיט די פינאנצירונג וואס איז דא צו באקומען און אז זיי האבן א שטימע ביים באשלוסן וועלכע קריטישע פראיעקטן מיר וועלן זוכן צו פאראויס שטופן כדי צו פארזיכערן א ריינערע און געזונטערע לעבנס שטייער פאר איינוואוינער און ביזנעסער."

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "ארבעטן מיט ניו יארקער אויף די טור מיט 10 סטאנציעס האט אונז געלאזט הערן קריטישע צוריקגעהערטע קאמענטארן און עס האט געשאפן באדייטפולע פארבינדונגען צווישן סטעיט עקספערטן און קאמיוניטיס איבער די באדייטנדע פינאנצירונג וואס איז דא צו באקומען דורך דעם באַנד געזעץ. די צוזאמענארבעטנדע פראצעדור האט פאראויס געשטופט די EFC'ס קאמיוניטי הילף מאנשאפטן באמיאונגען צו פארבינדן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס מיט פינאנצירונג געלעגנהייטן פאר וואסער און סוער אינפראסטרוקטור, און מיר קענען נישטווארטן צו העלפן קאמיוניטיס אונטערנעמען זייערע קריטישע פראיעקטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן